ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

# מצורע

אידיש

**528**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שמונה ועשרים

**• מצורע •**

אין דעם פרק ווערן געברענגט פאַרשידענע מוסר רייד אויף אַ מליצה'דיגן אופן פון דעם ספר "התפוח"

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון אַכט און צוואָנציקסטער פרק


**א.** מוסר-רייד אויף אַ מליצה'דיגן וועג, וואָס שטייען געשריבן אין ספר "התפוח" ........ **ג**

**ב.** צוויי טעמים פאַרוואָס עס איז דאָ אַ מענטש וואָס פילט אַ באַזונדערס גוטן טעם אין אַ ספר וואָס ער לערנט, און אַן אַנדערער מענטש פילט נישט דעם זעלבן געשמאַק אין יענעם ספר ........ **יא**

# פרק שמונה ועשרים

## מוסר-רייד אויף אַ מליצה׳דיגן וועג, וואָס שטייען געשריבן אין ספר ״התפוח״.

**א. ידעתי המחשבות,** איך ווייס די טראַכטונגען פון די מענטשן, אַז עס איז זייער שטייגער צו הערן שטראָף רייד וואָס ווערן געזאָגט אַלע מאָל מיט אַנדערע רייד, מיט אַזעלכע רייד וואָס ציען צו דאָס האַרץ פון אַ מענטש. דעריבער האָב איך געשריבן די צוויי פּרקים, דעם דאָזיגן פּרק, און דעם קומענדיגן, פון ״ספר התפוח״ פון רבינו שלמה זצ״ל. איך האָב עס צוטיילט אויף צוויי פּרקים, ווייל אינמיטן איז דאָ אַן אויסלאָז. און אַזוי שרייבט ער:

**ב. הבה,** קומט לאָמיר זוכן אַ קלוגן וועג צו געפינען פאַר די נשמה אַ גאַנצע רו נאָך דעם טויט, ווען זי וועט קומען פאַר דעם באַשעפער, צו וויסן אויב זי איז געווען גוט, אָדער שלעכט, אויב זי וועט געפונען ריין און שיין, אַזוי באַגערט דער אויבערשטער אין איר, און זי איז אין דעם היכל פון דעם אויבערשטן, און פון דער לויטערקייט פון זיין שכינה לייכט איר פּנים.

**ג. וראשית,** דאָס ערשטע פון אונזער דינסט איז, אַז מיר כאַפּן זיך אויף פון שלאָף, דאַרפן מיר אָנגרייטן אונזער האַרץ צו איינציגן אונזער גאָט, און פאַר יעדער אַרבעט זאָל פריער זיין דאָס דאַווענען. עשירים און אָרימע לייט זאָל אַלע אָפּגעבן לויב צום אויבערשטן, יעדער מענטש לויט זיין שכל. ער זאָל זיך אָנגרייטן מיט תפלה, צו קומען פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא גאָט אין שול אַריין, זאָל ער איילן צו לויבן דעם אויבערשטן, וואָס אין זיין האַנט איז די נשמה פון יעדע באַשעפעניש.

**ד. זאת,** יעדער מענטש וואָס וויל רופן צו דעם אויבערשטן, וועט ער אים געפינען אין שול. ער זאָל איינבייגן זיין קאָפּ צו בעטן

אויף זיין לעבן. אַז דו קומסט אין שול, היט דיך פון צו רעדן נאַרישקייטן און ניבול פה, און גיב אַ לויב צו דעם אויבערשטן, שטיי פאַר אים מיט פאָרכט, און דיין גוף זאָל פאַר אים ציטערן. שטעל דיר פאָר ווי השי"ת שטייט פאַר דיר, מאַך אים געוועלטיגן איבער די ווערק פון דיינע הענט. דו זאָלסט אים לויבן מיט זיין קראַפט און זיינע ווערק. אין דער צייט ווען דו שטייסט קעגן אים תפילה צו טאָן, זאָלסטו אָנגרייטן דיין הארץ צו דינען אים, און צו איינציגן זיין געטליכקייט. און נאָך דעם, ווען דער מענטש דאַוונט אָפּ, זאָל ער גיין צו זיין אַרבעט, און אין אַלע זיינע ענינים זאָל ער געדענקען דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס שטייט ביי אים, און ער זאָל טראַכטן אין זיין מחשבה אַז פון דעם באַשעפער קענען אַלע זיינע מעשים נישט ווערן באַהאַלטן. ער באַפעלט זיינע מלאכים אויפצושרייבן וואָס ער טוט, און זיי זענען עדות אויף דעם בוך.

**ה. וכל,** אין אַלע דיינע צייטן געדענק דעם טאָג פון דיין טויט, וואָס וועט זיין דיין סוף, און קלייד אָן ציטערניש פאַר די טעג וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא וועט דיך ברענגען צום משפט אויף אַלע מעשים, און דער רוח הטומאה, מקנא צו זיין דיין חבר, טו אָפּ פון דיר די קנאה. און דאַן וועסטו וויסן אַז פרידן איז אין דיין געצעלט. ער זאָל זיך היטן פון די קנאה מיט רייד, מיט טראַכטונג, ווייל אירע פונקען זענען פונקען פון פייער, צו פאַרפוילן די ביינער פון דעם מענטש ביי זיין לעבן, און איר סוף איז די וועגן פון טויט. פון די קנאה ווערן צעטיילט די הערצער, רוב פון די פיינטשאַפטן זענען פון רייד פון קריגערייַ, פייער און פלאַקערן. פיל וואַסערן קענען נישט אויסלעשן אַזאַ קנאה. עס איז דער וואָרצל פון די פיינטשאַפט פון איין ברודער צום אַנדערן, און פון די קנאה שפּראָצט אַרויס אומזיסטע פיינטשאַפט, און דאָס איז דער טויער פון גיהנם.

**ו.** דערווייטער זיך פון גאוה, אַזוי ווי מען דערווייטערט זיך פון אַ נדה, ווייל די גאוה איז לויטער קריג, דורך דעם אַז דו וועסט גיין אויף

דעם וועג וועסטו חלילה פאַלן און נישט אויפשטיין.

**ז. והאוחז,** אָבער דער וואָס האַלט די מדה פון ענוה, געפינט ער ששון און שמחה, און אונטער דעם כסא כבוד איז זיין מחיצה.

**ח. וכל,** דער וואָס האָט ליב לשון הרע, ווערט פאַרדאָרבן פון עולם הבא, און ער קומט אין גיהנם. פון זיין מויל וועלן גיין פלאַמען פייער, און ער וועט גע׳משפט ווערן מיט הייסע קוילן. זיין נשמה ווערט אַרומגעשליידערט און אַלע זיינע איברים ווערן צעוואָרפן און צעבראָכן, און ער ווערט געמשפט אין קעלט און אין היץ.

**ט. משלחי,** די וואָס מאַכן אַ קריגעריי צווישן ברידער אָדער פריינט, ווערן זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון זייערע זינד, און ווערן געשטאָכן מיט שווערדן און שפיזן אין טיפן גיהנם. און די וואָס נעמען אָן רכילות, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא זיי פיינט. זייער בראָך איז נאָענט.

**י. נפש,** די נשמה וואָס זינדיגט מיט לשון הרע, שטויסט מען זי אַרויס פון דעם הייליגן היכל צו דעם פייער פון דעם גיהנם, דאָרט ווערט זי פאַרברענט, ווייל זי האָט פיל מענטשן דערשלאָגן דורך איר לשון הרע.

**יא. גם,** אויך דאָס ליצנות טוט שטערן דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, און די מענטשן וואָס מאַכן ליצנות ווערן פאַרהאַסט פון אויבערשטן, זיי זענען אומווערדיג און מיאוס, זייער סוף וועט זיין צום גיהנם.

**דעריבער** זאָל יעדער מענטש בעטן פון דעם אויבערשטן, ער זאָל זיך נישט גרויס האַלטן, און די מדה פון יראה און בושה זאָל ער באַגרייפן. זיי וועלן אים פאַרמיידן פון צו זינדיגן, און מיט אים וועט זיין דער אויבערשטער ברוך הוא. ער וועט פאַר זיך קויפן די אייביגע וועלט, און דעם ווילן פון דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**יב. העשיר,** דער עושר זאָל זיך נישט גרויס האַלטן, ווייל ער האָט פיל גאָלד און זילבער, און ער זאָל טראַכטן אַז נישט דורך זיין חכמה האָט ער עס דערוואָרבן, און ער זאָל וויסן אַז זיין עשירות און זיין כבוד האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים געגעבן, און זיין באַשעפער איז אַ האַר איבער זיין הויז, און אַ געוועלטיגער איבער גאָר זיין גוטס, און אַז ער וועט וועלן, וועט ער דאָס גוטס ביי אים צונעמען, און ער וועט עס געבן צו  עמען ער וועט וועלן, און זאָל זיך צו יעדע צייט שטעלן פאַר זיין פּנ ֵ די פאָרכט פאַרן אויבערשטן, וואָס ער האָט אים גרויס געמאַכט און דערהויבן.

**יג. רק,** אַן עושר זאָל מיט זיין עשירות זיך אויסלייזן, און אַז ער וועט טוהן חסד, וועט דער אויבערשטער דאָס פאַר אים רעכענען, און יעדער מענטש לויט זיין צדקה וועט דער אויבערשטער אים געבן זיין חסד. די צדקה און גמילות חסד וואָס דער מענטש טוט אויף דער וועלט שטייען ביי דעם מענטשן אין אַלע צרות, און ער ווערט ניצול דורך זיי פון גיהנם. אַז ער שטאַרבט איז די צדקה ביי אים, און זי באַצוואונגט אַלע מקטריגים.

**יד. נותן,** דער וואָס גיט צדקה מיט אַ גוט אויג און צעטיילט געלט, וועט דער אויבערשטער ברוך הוא אים רייך מאַכן מיט גרויס עשירות. וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס ער גרייט זיך אָן קליידער פון חסד און צדקה, אָנצוגרייטן שפייז אויף דעם וועג. עס איז נישטאָ קיין גוטס ווי צו דעם וואָס דערבאַרעמט זיך איבער אָרעמע לייט. עס איז נישטאָ קיין בעסער ריווח ווי צו טוהן דעם ווילן פון דעם באַשעפער, און עס איז נישטאָ קיין ערגערער שאָדן ווי ווידערצושפעניגן זיינע רייד.

**טו. וכל,** און יעדער מענטש דאַרף זיך פרייען מיט דעם חלק וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן. אויך דער אָרימאַן מיט זיין ענגשאַפט זאָל געבן אַ לויב צו דעם אויבערשטן ברוך הוא,

ווייל מחמת זיין גרויס צדקות וויל ער אַז דער אָרימאַן זאָל מיט דער אָרימקייט אָפּקומען פאַר זיינע זינד, און אין דעם לעצטן טאָג וועט דער אָרימאַן נישט הערן קיין געשריי נאָר ער זאָל נישט ווידערשפעניגן דעם ווילן פון דעם באַשעפער.

**ואם,** אַז דער מענטש טוט פיל מצוות, גייען זיי פאַר אים עדות זאָגן, און לייכטן פאַר אים. זיי רופן אויס און זאָגן, "פון דעם דאָזיגן מענטשן זענען מיר, ער האָט אונז געטוהן", און דאָס קול ווערט געהערט. ווען ער קומט אין גן עדן זאָגט מען, געלויבט איז דער וואָס איז געקומען מיט דעם נאָמען פון דעם אויבערשטן.

**טז. אמת,** אמת און אמונה און אויפפירן זיך מיט גאַנצקייט, וואָס דאָס איז גלוסטיגער פון גאָלד, זאָלן נישט פעלן פון צווישן די אידן. צו זיי איז דאָס געגעבן געוואָרן בירושה פון זייערע עלטערן, און דורך דעם ווערן דערקענט די אידישע קינדער. דער מענטש וואָס האָט אין זיך אמת און אמונה, און גייט מיט גאַנצקייט, דער וועט רייך ווערן, און זיין גוטס וועט האָבן אַ קיום.

**יז. שוא,** פאַלשקייט, און ליגן, און עוולות, זאָלן צווישן די אידן נישט געפונען ווערן. דער וואָס טוט עס, דער ווערט פאַרברענט אין פייער, עס ווערט באַהעפט איין עבירה צו דער אַנדערער. דער וואָס רעדט ליגן ווערט באַהעפט צו דעם וואָס טוט פאַלשקייט און גייט מיט גאווה, און דער צאָרן פון דעם אויבערשטן טוט גרימען אין זיי, און גייט אַלעמאָל מער.

**יח. מצוה,** אַ גרינגע מצוה זאָל נישט גרינג זיין אין דיינע אויגן, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט דיך געבאָטן דו זאָלסט איר טאָן. אפילו ווען אין דיינע אויגן איז זי גרינג, פונדעסטוועגן איז זי גאַנץ גרויס און טייער. אויך די גרינגע מצוה טוט שרייען אין די גאַסן, צו זאָגן דעם מענטש זיין רעכטפאַרטיקייט.

**יט. ושום,** קיין שום עבירה זאָלסטו נישט האַלטן פאַר קליין, ווייל די קליינע עבירה וועט אויך זיין אויף די וואָגשאָלן, און וועט שווער מאַכן די שאָל פון די עבירות, און אויף יעדן זינד נעמט ער אָפּ אַ חשבון, ביי יעדן מענטש לויט זיינע מעשים און שכר איז ביי אים צו געבן דעם וואָס האָט מקיים געווען די תורה, די גרינגע מצות און די האַרבע מצות, און האָט זיך דערוויטערט פון עבירות.

**אשרי,** וואויל איז דעם דאָזיגן מענטש, וואָס ער שטאַרקט זיין כח צו טאָן אַ ריכטיגע תשובה אויף זיינע זינד, און ער זאָל וויינען מיט אַ צעבראָכן האַרץ און זאָל ערנסט תשובה טוהן. די בעלי תשובה וואָס פאַרמיידן די געדאַנקען פון תאוות, און רעדן צו זייער האַרץ איבער זייערע עבירות, זיי ווערן זיך באַהעפטן מיט די מלאכים פון שלום, אַקעגן זיי וועט מען זאָגן: געלויבט איז ער, וואָס ער האָט זיין האַרץ דערהויבן צו גענענען צו די רעכטפאַרטיגע וועגן פון תשובה.

**די** תשובה און מעשים טובים זענען, נאָנט צו דעם אויבערשטן, אויף אייביג וועלן זיי שטיין. די וואָס האָבן ליב געהאַט שלום ביי זייער לעבן, נאָך זייער טויט לויפט דער שלום קעגן זיי מיט ליבשאַפט. די מעלה פון שלום איז צו פיל צו דערציילן.

**כ. אשר,** דער וואָס איז נישט מוחל ווען איינער קריגט זיך מיט אים, און שענדעט אים, קריגט ער זיך מיט אים אַלע זיינע טעג און גיט איבער זיין דין לשמים, טוט ער דערמיט אויף זינדיגן, און דורך דעם דערמאנט מען אים זיינע זינד, אַז ער זאָל פריער געשטראָפט ווערן פון דעם וואָס ער איז אויף אים מוסר דעם דין. אָבער דער וואָס איז אַ מעביר על מדותיו, ער ענטפערט נישט אָפּ קיין בייז צו זיינע פיינט, און איז מקבל באהבה, פאַר אים ווערן פאַרגעבן זיינע זינד, און זיין גרויסקייט ווערט געמערט, דער אויבערשטער איז זיין אַרבטייל. און שלמה המלך האָט געזאָגט, דער שכל פון דעם מענטש איז, ער זאָל

איינהאַלטן זיין צאָרן, און זיין שיינקייט איז אַז ער זאָל מוחל זיין דעם וואָס האָט קעגן אים געזינדיגט.

**כא. לכן,** דעריבער זאָל דער מענטש דערווייטערן די זינד, און די מחשבות פון אומרעכט, און קעגן דער זאַך פון צדקה און גמילות חסד זאָל ער טראַכטן, אויב דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט זיין חסד גוזר געווען איך זאָל זיין אַן עושר, נו, היינט אויב איך וועל אויסטיילן צדקה צו די אָרעמעלייט, און טוהן מצות מיט מיין געלט, וועל איך דערמיט מיר גאָר נישט מאַכן פעלן, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך גוזר געווען אַז איך זאָל זיין אַן עושר, וועט ער מיר ממלא זיין וואָס איך וועל אַוועקגעבן פאַר צדקה. ער וועט די גוטע גזירה נישט מבטל זיין, און פאַרוואָס זאָל איך נישט געבן דעם אָרעמאַן פון דעם גוטס וואָס דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן, אַז איך וועל דערמיט גאָרנישט געמינערט ווערן?

**כב. ואם,** און אויב דער אויבערשטער ברוך הוא האָט גוזר געווען אַז איך זאָל זיין אָרעם ח״ו צוליב מיינע זינד, איז א פשיטא פאַר מיר גוט, איך זאָל מיין געלט פאַרטיילן אויף צדקה און גמילות חסד, און מצוות, צו טוהן דעם ווילן פון מיין באַשעפער, איידער דאָס געלט זאָל פאַרלענדט ווערן אין נאַרישקייט. דעריבער איז פאַר מיר בעסער איך זאָל דאָס געלט געבן אויף צדקה, און טוהן דערמיט גמילות חסד, און דאָס וואָס איך וועל געבן צדקה וועט אייביג נישט פאַרלוירן ווערן, ווייל איך וועל עס ברענגען אין אַזאַ אָרט וואָס קיין האַנט האָט דאָרט נישט קיין שליטה, און די השגחה פון דעם אויבערשטן וועט שטענדיג זיין אויף מיר, און אויך צו מיינע קינדער וועט זיין געהיט מיין צדקות און מיין חסד.

**כג. ומחשבה,** די דאָזיגע מחשבה וועט פאַרמיידן דעם מענטש פון פיל עבירות, און פון גנב׳ענען זיין חבר׳ס געלט, אָדער אים שאָדן טוהן. ער זאָל טראַכטן, ממה נפשך, אויב דער

אויבערשטער ברוך הוא האָט גוזר געוועזן אויף מיין פיינט ער זאָל זיין אַן עושר, ווען איך זאָל אַפילו אַוועקנעמען זיין גאַנץ געלט וועט אים דער אויבערשטער אַוודאי אַלץ ממלא זיין, און איך גזל פון דעם אויבערשטן, וואָס ער וועט אים באַצאָלן. און אויב דער אויבערשטער ברוך הוא האָט גוזר געוועזן אַז ער זאָל ווערן אָרעם, נו, וואָס דאַרף איך זינדיגן, ווען איך וועל אַפילו גאָרנישט טוהן, וועט ער אויך אָרעם ווערן, דורך דער גזירה פון באַשעפער וועל איך אַלץ זעהן אים אים אַ נקמה, נו, פאַרוואָס זאָל איך מאַכן פאַרלירן מיין נשמה, צו שטרעקן מיין האַנט אין זיין גוף, אָדער אין זיין געלט.

**כד. וחכם,** און דער מענטש וואָס האָט אַ קלוג האַרץ, זאָל פאַר זיך קויפן מצוות מיט זיין געלט, וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, און ער זאָל טוהן צדקה און גמילות חסד, און ער זאָל נישט זאָרגן פון דעם וואָס זיין געלט ווערט געמינערט. דאָס איז גלייך צו אַ שאָף וואָס זי ווערט אָפּגעשוירן, און דערנאָך וואַקסט עס ווידער, און אַזוי אויך דער וואָס גיט צדקה און טוט גמילות חסד מיט זיין געלט, איז דאָס אַ פאַרמערונג, ווייל עס ווערט נאָך געשיקט אַ ברכה אין דעם דאָזיגן געלט, ווייל עס איז אַ הבטחה פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז דאָס געלט וואָס מען גיט דערפון צדקה און גמילות חסד זאָל נישט געמינערט ווערן, אַזוי שטייט אין פסוק **"נותן לרש אין מחסור"**, דער וואָס גיט צדקה צו אַן אָרימאַן, קומט נישט קיין מינערונג אין זיין געלט.

**כה. אבל,** אָבער דער וואָס גיט זיין געלט אויף תענוגים, וואָס דער אויבערשטער וויל זיי גאָרנישט, און מכל שכן דער וואָס גיט דאָס יאָ פאַר אַ דבר עבירה, דער הייסט גלייך ווי ער גזל'ט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, און זיין געלט ווערט תמיד געמינערט, און ער זעט דערין נישט קיין ברכה, דאָס איז גלייך צו אַ שאָף וואָס אַן אבר פון אירע איברים ווערט אָפּגעשניטן וואָס דער חסרון בלייבט אויף אייביג.

**כו. כי,** דער וואָס פאַרמיידט צו געבן זיין געלט פאַר צדקה, ער פאַרשטאָפּט זיינע אויערן פון צו הערן דאָס געשריי פון די אָרימעלייט, וועט דאָס עשירות פאַרלוירן ווערן אויף אַ שלעכטן וועג, און עס וועט אַלעמאָל געמינערט ווערן אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "**וחשך מיושר אך למחסור**", דער וואָס פאַרמיידט זיך פון רעכטפאַרטיקייט קומט ער צו פאַרמינערונג.

**לכן,** דעריבער, ווי לאַנג די נשמה איז נאָך אין דעם מענטש, זאָל ער טוהן צדקה און גמילות חסד און אַלע מצוות, ווי ווייט זיין מעגלעכקייט גרייכט.

**דאָס** אַלעס איז פון דעם "ספר התפוח" פון הרב רבינו שלמה זכרונו לברכה.

**צוויי טעמים פאַרוואָס עס איז דאָ אַ מענטש וואָס פילט אַ באַזונדערס גוטן טעם אין אַ ספר וואָס ער לערנט, און אַן אַנדערער מענטש פילט נישט דעם זעלבן געשמאַק אין יענעם ספר.**

**כז. אמר,** זאָגט דער מחבר, כאָטש אין די פריערדיגע פרקים שטייט דאָך שוין אויך אַזעלכע שטראָף רייד, פונדעסטוועגן האָב איך געשריבן די דאָזיגע רייד, ווייל זיי זענען מיט אַנדערע ווערטער, ווייל עס זענען דאָ מענטשן וואָס זייי לערנען אין אַ ספר אַן ענין פון מוסר, און עס געפעלט זיי נישט, דערנאָך לערנען זיי די זעלביגע דברי מוסר אין אַן אַנדער ספר, מיט אַן אַנדער לשון, און עס געפעלט זיי שוין, און אַן אַנדערער מענטש וואָס יענעם געפעלט, געפעלט אים דווקא נישט, און דאָס וואָס יענעם איז נישט געפעלן, געפעלט אים יאָ.

**כח. טעמו,** דער טעם פון דעם איז, דער מענטש וואָס לערנט אין אַ ספר, און דער ספר געפעלט אים, האָט זיין נשמה זיכער עפּעס אַ שורש מיט דער נשמה פון דעם מחבר. דעריבער געפעלט אים זיין לשון, אָבער דער ספר וואָס ער פילט דערין קיין טעם נישט, איז

דאָס דערפאַר ווייל זיין נשמה האָט קיין שום אחיזה נישט מיט דער נשמה פון דעם מחבר. אָדער עס קען זיין, אַז דער ספר וואָס אים געפעלט זיין לשון קען זיין אַז ער אַליין האָט אים מחבר געווען, אין דעם פריערִיגן גלגול.

**כט. ולכן,** דעריבער האָב איך געשריבן אין דעם פרק די מוסר רייד פון הרב רבינו שלמה זכרונו לברכה, טאָמער וועט אַ מענטש לערנען מיינע דברי מוסר, און זיי וועלן אים נישט זיס זיין, און אַז ער וועט לערנען מיט דעם לשון פון הרב רבינו שלמה, וועט אים יאָ זיס זיין, און אויך קען זיין פאַרקערט. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אונז מזכה זיין צו פאַרשטיין און צו פאַרזוכן פון יעדן ספר, אמן, כן יהי רצון.

❁ ❁ ❁